בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' כי תבוא

כיתה ב' (א-ב)

הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** די ערשטע 13 פסוקים פון אנהייב פרשה

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**נושאי חינוכי:** מיר האבן ארומגערעדט איבער דעם ענין פון הכרת הטוב.

**מושגים:** מיר האבן ארומגערעדט די ענינים פון: טבל, ביכורים, תרומה, ברכות, קללות, הכנה ליום הדין.

**הלכה:** מיר האבן ממשיך געווען די ל"ט מלאכות, הבונה, מיט הסותר

**ניגונים:** מיר האבן געזונגען "אחת שאלתי" וואס מ'זאגט ביי "לדוד ה' אורי".

**מיוחד להשבוע:** נישט פארגעסן צוריק צו ברענגען זונטיג די "מעשה ביכל".

**א גוט שבת**

**המלמד**

# אינהאלט פון די וואך

## מצות ביכורים:

ביכורים ברענגט מען פון די ערשטע פרי וואס עס וואקסט פון די שבעת המינים וואס ארץ ישראל איז געלויבט געווארן מיט דעם, ווען א מענטש זעהט א פייג ווער געצייטיגט דרייט ער ארויף אויף דעם א בענדל פאר א סימן, און אפילו ער וויל שוין עסן די פירות נאך וואס ער האט זיך געפלאגט צו איינפלאנצן און באגיסן די פירות, אבער אלס הכרת הטוב ברענגט ער עס אין בית המקדש כדי צו דאנקען און לויבן פאר'ן באשעפער אז ער האט געגעבן פארר די אידן די לאנד ארץ ישראל.

## די סדר פון ברענגען די ביכורים:

מיר האבן געשילדערט ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט דאס ברענגען די ביכורים אין בית המקדש, א עושר האט געברענגט די ביכורים אין א קויש פון גאלד און זילבער, און א ארימאן האט געברענגט די ביכורים אין א קויש וואס איז געמאכט פון שטרוי, און מ'האט באצירט די די קויש מיט צוויי פייגעלעך און מ'האט זיך צוזאם גענומען און מ'איז ארויף צום בית המקדש, און אסאך מענטשן האבן זיך פארזאמלט צוזאמען, און פאר זיי איז געגאנגען א אקס וואס זיינע הערנער איז געווען באצירט מיט גאלד, און א קרוין פון בלעטלעך פון א זית איז געווען אויף זיין קאפ, פאר זיי איז געגאנגען דער וואס האט געזינגען, און האט געזינגען מיט א טראמפייטער "שמחתי באומרים לי בית ה' נלך", ווען מ'איז אנגעקומען צום הר הבית האט יעדער איינער גענלייגט די קויש אויף די זייט פון די מזבח און האט זיך געביקט און איז ארויס געגאנגען, און א בת קול איז ארויס און עס האט געזאגט "ווער עס האט געברענגט ביכורים די יאר וועט זוכה זיין אויך די קומענדיגע יאר צו ברענגען ביכורים.

## הברכות והקללות:

די סדר פון די ברכות און די קללות זענען געווען אזוי: זעקס שבטים זענען ארויף אויפן בארג גריזים, און זעקס שבטים אויפן בארג עיבל, און דער ארון פון

דער אייבישטער איז געווען אונטן אינמיטן, די לווים האבן זיך אויסגעדרייט זייער פנים אקעגן בארג גריזים און זיי האבן אנגעהויבן צו בענטשן און אלע האבן געענטפערט אמן, דערנאך האבן זיי אויסגעדרייט זייער פנים אקעגן די בארג עיבל און זיי האבן געזאגט די קללות, 11 קללות האבן זיי געזאגט דארט.

## תרומות ומעשרות:

מיר האבן מסביר געווען די מצוות פון תרומות ומעשרות, טבל, ביכורים, תרומה:

**טבל:** אויב מ'האט נאכנישט אפגעשיידט פון די פירות גארנישט, דעמאלטס ווערט עס אנגערופן טבל, און ווער ס'עסט טבל איז אזוי ווי ער עסט נבילות.

**תרומה:** מ'דארף אפשיידן תרומה פון די פירות פאר די כהן.

**ביכורים:** די ערשטע פון די פירות געבט ער פאר'ן כהן.

מיר האבן ערקלערט, אז יעדע געשעפט פון פירות אדער ירקות, דארף האבן תעודה פון כשרות, און ווער ס'עסט עסן וואס האט נישט קיין הכשר פארשאפט עס די מוח.

## מנהגים פון חודש אלול:

יעדן טאג פון חודש אלול נאכ'ן דאווענען שחרית בלאזט מען שופר, כדי אונז צו דערמאנען אז עס קומט צוגיין ראש השנה וואס דאס איז א יום הדין וואס דעמאלטס משפט מען דעם מענטש, און דער שופר דאס דערוועקט די הארץ אז מ'זאל תשובה טוהן.

אויך לייג מען צו ביים דאווענען א עקסטערע תפילה "לדוד ה' אורי וישעי", וואס מ'זאגט פון ראש חודש אלול ביז נאך די ימים טובים.

# שאלות מיט תשובות

**א. פון וועלכע פירות האט מען געברענגט ביכורים?**

פון די שבעת המינים.

**ב. וועלכע סימן מאכט מען אויף די ערשטע פרי אז דאס איז ביכורים?**

מ'דרייט ארויף אויף דעם א בענדל.

**ג. פארוואס ברענגט מען ביכורים?**

כדי צו לויבן דעם באשעפער אז ער האט אונז געגעבן אזעלכע פיינע פירות.

**ד. אין וואס לייגט מען אריין די ביכורים?**

די עשירים לייגן עס אריין אין קויש פון גאלד אדער זילבער, און די ארימעלייט לייגן עס אריין א שטרויענע קויש.

**ה. ווי אזוי איז געווען די סדר ווען מ'האט געברענגט די ביכורים?**

מ'האט באצירט די די קויש פון די ביכורים מיט צוויי פייגעלעך און מ'האט זיך צוזאם גענומען און מ'איז ארויף צום בית המקדש, און אסאך מענטשן האבן זיך פארזאמלט צוזאמען, און פאר זיי איז געגאנגען א אקס וואס זיינע הערנער איז געווען באצירט מיט גאלד, און א קרוין פון בלעטלעך פון א זית איז געווען אויף זיין קאפ, פאר זיי איז געגאנגען דער וואס האט געזינגען, און האט געזינגען מיט א טראמפייטער "שמחתי באומרים לי בית ה' נלך", ווען מ'איז אנגעקומען צום הר הבית האט יעדער איינער געלייגט די קויש אויף די זייט פון די מזבח און האט זיך געביקט און איז ארויס געגאנגען, און א בת קול איז ארויס און עס האט געזאגט "ווער עס האט געברענגט ביכורים די יאר וועט זוכה זיין אויך די קומענדיגע יאר צו ברענגען ביכורים.

**ו. וויפיל שבטים זענען געשטאנען אויפן בארג גריזים? און וויפיל זענען געשטאנען אויפן בארג עיבל?**

זעקס שבטים זענען געשטאנען אויפן בארג גריזים, און זעקס שבטים אויפן בארג עיבל

**ז. וואס איז דאס טבל?**

אויב מ'האט נאכנישט אפגעשיידט גארנישט פון די פירות ווערט עס אנגערופן טבל.

**ח. וואס איז דאס תרומה?**

אז מ'שיידט אפ פון די פירות פאר'ן כהן.

**ט. און וואס איז דאס ביכורים?**

די ערשטע פרי ברענגט מען פאר'ן כהן.

# ניגון:

**אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה'. אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ. שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי. לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ:**

# לב. הבונה



מ'טאר נישט שבת בויען קיין שום זאך אין א בנין.

און אזוי אויך טאר מען נישט צוריק צוזאמשטעלן קיין שום זאך וואס האט זיך צונומען, צוםביישפיל א פוס פון א טיש אדער פון א בענקל וואס איז ארויס געפאלן טאר מען נישט צוריק לייגן אין שבת.

# לג. הסותר



מ'טאר נישט שבת צונעמען קיין שום זאך.

און אזוי אויך טאר מען נישט אראפ נעמען א פענסטער אדער א טיהר פון זיין פלאץ.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ______________________ ני"ן**

**חומש:** ______________________________________________

**סיפר פרשת השבוע:** ___________________________________

**שירים:** _____________________________________________

**נושא השבוע:** ________________________________________

**ברכת המזון:** ________________________________________

**התנהגות כללית:** _____________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** ____________________________________

**התפלל:** _____________________________________________

**הערות:** _____________________________________________

**חתימת ההורים** ________________________